# השגחה פרטית

א וועלט פון **אמונה**. א לעבן פון **ביטחון**

וואונדערליכע 'השגחה פרטית' מעשיות פון היינטיגע צייטן - דערציילט אויף **דער השגחה פרטית האטליין**

פרשת שופטים תשפ"ו × **עלון 203**


## בהשגחה

## וואו איז בעסער - אין מאנהעטן אדער אין ניו יארק?

א מענטש קומט אן קיין אמעריקע. ער פארט אויפ'ן פארנומענעם הייוועי פון אפסטעיט קיין מאנהעטן, און ער זעט אנגעפאקטע זעקס לעינס זיצן אין טראפיק. ער טראכט צו זיך: "מאנהעטן מוז זיין דאס בעסטע פלאץ אויף דער וועלט, ווייל פארוואס דען פארן אזויפיל מענטשן אהין? דארט איז זיכער דאס גליק!..."

פלוצלינג קוקט ער אריבער אויף זיין לינקע זייט און ער זעט דעם הייוועי וואס פירט פון מאנהעטן צוריק קיין אפסטעיט. אויך דארט זעט ער זעקס לעינס פול מיט קארס, און אלעס איז אנגעזעצט.... הייבט ער אן צו ווערן צומישט: וואו איז טאקע דאס בעסערע פלאץ - מאנהעטן אדער ניו יארק?

הרה"צ רבי אביגדור מיללער זצ"ל ניצט דעם ביישפיל ארויסצוברענגען ווי ווייניג דאס פלאץ אליין טראגט צום מענטש'נס גליק. אויב צענדליגער טויזנטער מענטשן פארן יעדן טאג קיין מאנהעטן, פארוואס זענען דא אנדערע צענדליגער טויזנטער מענטשן וואס פארן ארויס פון דארט?

די פאקט איז, אז גליק ווענדט זיך נישט אינעם פלאץ אליין, נאר אין דעם מענטש'נס אמונה און בליק אויפ'ן פלאץ.

הרה"ק רבי שלמה קארלינער זי"ע, טייטשט אויף דעם וואס די גמרא זאגט "שלא יהיה ליבך חלוק על המקום", אז א מענטש'נס הארץ טאר נישט זיין צוקריגט איבער זיין יעצטיגן ארט און מצב. צי דאס איז זיין פיזישע לאקאציע, זיין עמאציאנעלער מצב, זיין משפחה לעבן, זיין קהילה, אדער סיי וועלכע אנדערע אומשטענדן - א מענטש דארף זיין רואיג און צופרידן מיט זיין מצב, וויסנדיג אז דאס איז דער בעסטער מצב פאר אים.

אמת'ע גליק ווענדט זיך נאר אינעם מענטש'נס אמונה: די אמונה אז דער באשעפער האט אלעס געטון, טוט אלעס, און וועט אלעס טון - עשה, עושה ויעשה לכל המעשים - און די אמונה אז אלעס וואס דער באשעפער טוט איז נאר צום גוטן.

ווען א מענטש איז פעסט מיט די דאזיגע צוויי יסודות פון אמונה, דעמאלט קען ער זוכה זיין צו אמת'ע גליק און פירן א רואיג און פרייליך לעבן.

**שבת שלום ומבורך, פינחס שאפער**

## השגחה עליונה

**סיפורי אמונה וביטחון מצדיקי הדורות זי"ע**

## וויאזוי זענען ריזיגע זעק מיט רויטע שטאף פארקויפט געווארן אין איין טאג?

**דער גאון וצדיק רבי יהודה לייב מירקיש זצ"ל פון מיר קויפט 'בטעות' אפ א ריזיגע סטאק פון טייערע רויטע שטאף ביים גרויסן יריד אין לייפציג...**

א עמוד האמונה און א מוסטער פון אבסאלוטן בטחון אינעם באשעפער איז געווען דער גאון רבי יהודה לייב זצ"ל, דער טאטע פונעם בעל 'שלחן שלמה'. ער האט געהאט א גרויסע געשעפט אין מיר, ליטא, וואו ער האט פארקויפט טייערע סחורה. זיין ווייב האט געפירט דאס געשעפט דעם גאנצן טאג, בשעת איר מאן, רבי יהודה לייב, איז געזעסן און געלערנט מיט א געוואלדיגע התמדה.

איין טאג האט זיין פרוי געטראכט: "איך קויף געווענליך די סחורה פון סוחרים וואס ברענגען עס פונעם גרויסן יריד אין לייפציג. ס'איז דאך א שאד צו באצאלן די אלע איבעריגע געלטער פאר די מעקלעריי. איך וועל שיקן מיין מאן אליין צום גרויסן יריד איינצוקויפן דירעקט ביי די סוחרים, אזוי וועלן מיר האבן מער ריווח."

זי האט פארגעשלאגן די עצה פאר רבי יהודה לייב, און ער האט מסכים געווען. זיין פרוי האט שנעל צוגעגרייט א ליסטע מיט אלע סארט סחורות וואס ער דארף, און האט מיטגעשיקט א ריזיגע סכום געלט.

ווען רבי יהודה לייב איז אנגעקומען צום גרויסן יריד, האט ער געהערט אז דער מארק גייט אנהאלטן א גאנצן חודש. האט ער געטראכט: "צו וואס דארף איך זיך יאגן? אז איך דארף סייווי דא בלייבן ביז סוף חודש צוווארטן אויף די אנדערע סוחרים וואס זענען געקומען מיט מיר - וועל איך קויפן די סחורה אין די לעצטע טעג, און דערווייל וועל איך זיצן אין בית המדרש און לערנען!"

ווען דער חודש האט זיך געענדיגט, זענען די סוחרים אים געקומען זאגן אז מארגן איז דער לעצטער טאג פונעם יריד, און ס'איז צייט ער זאל גיין איינקויפן.

פארטאגס איז רבי יהודה לייב געלאפן צום מארק, אבער... ס'איז שוין געווען כמעט נאך אלעם. רוב סוחרים האבן שוין איינגעפאקט זייערע זאכן און אפגעציילט די פארדינסטן...

רבי יהודה לייב האט א קוק געטון אויף זיין ווייב'ס ליסטע, אבער קיין איינס פון די זאכן זענען שוין נישט געווען צו באקומען, אלעס איז שוין געווען אויספארקויפט. ביז ער איז אנגעקומען צו איין סוחר וואס האט געהאט א ריזיגע סטאק פון לוקסוס'עריעזע רויטע שטאף' נישט האבנדיג קיין ברירה, האט ער אפגעקויפט אלע רויטע שטאף מיט זיין גאנצע געלט.

רבי יהודה לייב איז צוריק אהיים, אראפגעלייגט די אלע פעקלעך, און גלייך געלאפן אין בית המדרש לערנען. זיין ווייב איז צוגעגאנגען צו די פעקלעך מיט גרויס ערווארטונג, און אנגעהויבן אויספאקן...

ווען זי האט געזען די ריזיגע קוואנטומס פון די טייערע רויטע שטאף - איז איר געווארן פינסטער. וואו איז די גאנצע סחורה וואס זי האט געבעטן?! דאס גאנצע געלט איז אויסגעגעבן געווארן אויף שטאף וואס קיינער דארף נישט!!!

די פרוי איז געלאפן אין בית המדרש און אויסגעבראכן אין א געוויין:

"וואס האסטו געטאן?! איך וועל דאס נישט קענען פארקויפן אפילו אין צוואנציג יאר!"

"פארוואס וויינסטו?!" האט איר רבי יהודה לייב געענטפערט, "וואו

<<<


דער גליון איז אויסצוגן פון 'קו השגחה פרטית' - טויזנטער מעשיות, פול מיט חיזוק.

ווילסט איר האבן שלוות החיים? **רופט אריין צו קו השגחה פרטית 1-518-613-0140**

## עפענען טויערן

**רבי מאיר פ. פון מודיעין עילית פארציילט:**

איך וואוין אויף א גאס מיט עטליכע גרויסע בתי מדרשים, אבער איין קליינע שול איז געבויט געווארן ספעציעל פאר ישיבה לייט וואס ווילן דאווענען במתינות. דאס דאווענען דארט נעמט לאנג און ס׳איז קוים דא מנין. דער פריעסטער מנין הייבט זיך אן זייער פרי, כדי מ׳זאל קענען דאווענען במתינות ווי דער מנהג המקום. צווישן די תפילות איז די שול פארמאכט.

עס איז אבער דא א מעגליכקייט אריינצוגיין דורך די הינטערשטע טיר צו לערנען דארט. אזוי ווי אנדערע אידן אין די געגנט וואס זוכן א רואיגע ווינקל, האב איך אויך געבעטן רשות פון די גבאים, און זיי האבן מיר טאקע געגעבן א קאפי פון דעם שליסל פאר די הינטערשטע טיר און מיר ערלויבט צו ניצן די לעקטער און די עיר-קאנדישן ווען איך דארף.

איין נאכט, ווען איך האב געענדיגט לערנען, בין איך ארויס פון שול, פארמאכט די הינטערשטע טיר, אריינגעלייגט דעם שליסל, אים געדרייט א האלבן דריי - און פלוצלינג האט זיך דער שליסל פארהאנקערט. איך האב פרובירט צו דרייען אביסל שטערקער - און דעמאלטס האט זיך דער שליסל איבערגעבראכן, בשעת דער קאפ פונעם שליסל איז געבליבן ביי מיר אין די האנט.

איך בין געלאפן אהיים ברענגען א צוואנגל כדי צו קענען ארויסשלעפן דעם איבעריגן שטיקל שליסל וואס איז געבליבן אינעווייניג. אבער דאס האט נאר פארערגערט די מצב, און דאס קליינע שטיקל וואס האט זיך נאך יא ארויסגעשטעקט פונעם שלאס האט זיך אויך אפגעבראכן.

וואס טוט מען דא? דאס איז דאך א גרויסער שאדן! וויאזוי קען מען דאס פארריכטן? איך האב מורא געהאט אז מ׳וועט נישט האבן קיין ברירה נאר צו רופן א פראפעסיאנאלן לאקסמיט (שלעסער) צו טוישן דעם גאנצן שלאס. פאר אזא סארט טיר קאסט דאס גאנץ אסאך געלט, און היות איך האב געמאכט דעם שאדן, וועל איך עס דארפן באצאלן.

עס האט מיר זייער געבאדערט דאס וואס עס איז געשען. נאך אלעמען האבן זיי מיר דאך געטון א טובה און מיך אריינגעלאזט אין ביהמ״ד, און דא האב איך נאך אנגעמאכט א היזק. איך האב נישט געוואלט זיין קיין כפוי טובה, און איך האב געוואוסט אז איך וועל מוזן באצאלן פארן היזק, א סכום וואס איז געווען פיל העכער פון מיינע מעגליכקייטן. האב איך געבעטן דעם באשעפער ער זאל מיר העלפן און אז זאכן זאלן זיך אויסארבעטן גרינג און ביליג, און איך בין אהיימגעגאנגען.

אינדערפרי, גלייך נאכן אויפשטיין, בין איך אראפ אין ביהמ״ד. איך בין אריין דורכן פאדערשטן טיר און גלייך געגאנגען באטראכטן די הינטערשטע טיר. צו מיין גרויס איבערראשונג איז עס געווען ברייט אפן, און גארנישט איז נישט געווען אינעם שליסל-לאך. איך האב געפרעגט איינעם פון די מתפללים איבער דעם, און ער האט מיר דערציילט:

היינט איז אנגעקומען א אומבאקאנטער גאסט פון אמעריקע. ווען ער איז אנגעקומען האט ער געזען עטליכע יונגעלייט וואס האבן שוין באמערקט די מעשה פון נעכטן, ווי זיי פרובירן עפענען די טיר. דער גאסט איז צוגעגאנגען און געזאגט: ”איך בין א לאקסמיט. ברענגט מיר א שרויפן-ציער און איך וועל עס פאררעכטן.” מ׳האט אים טאקע געברענגט א שרויפן-ציער, און אין עטליכע מינוט האט דער איד ארויסגענומען דעם שליסל פונעם לאך און די טיר האט זיך געעפענט ברייט.

עס איז געווען א געוואלדיגע פלא: פון אלע בתי מדרשים אויף אונזער בתי-מדרשים-געבענטשטע גאס זאל ער קומען דווקא צו דעם קליינעם שול׳כל. ער וואלט דאך אויך געקענט טרעפן א ותיקין מנין אינעם גרויסן ביהמ״ד! אבער דער אויבערשטער האט אים דירעקט אהער געשיקט צו פאררעכטן די טיר, גרינג און בחנם.

## פינף מינוט אנשטאט פיר און צוואנציג שעה?

איך בין ברוך השם א טאטע פאר צען קינדער, כן ירבו. זיי דארפן אלע האבן געקאכטע עסן פאר מיטאג און א אייער-שפייז פאר נאכטמאל.

אט דערפאר האב איך זיך גענומען צום הארצן דאס וואס די גאז איז ביי מיר אויסגעגאנגען.

איך האב גערופן די קאמפאני, און עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז דער טעכניקער וואס איז געווען אינעם בנין יענעם אינדערפרי איז שולדיג. ער איז געקומען עפעס קוקן ביי די גאז און בטעות עס אפגעהאקט. יעצט דארפן זיי שיקן א טעכניקער צוריק אנצובינדן די גאז-רער.

”עס איז נישטא קיין טעכניקער אין דיין געגנט יעצט,” זאגט מיר דער סעקרעטאר אויפן טעלעפאן, ”ער וועט מן הסתמא ערשט אנקומען צו דיר מארגן.”

”מארגן?! וואס הייסט מארגן?! איך דארף א טעכניקער היינט!”

”איך גלייב נישט עס וועט זיין היינט,” זאגט מיר דערסעקרעטאר . ”מיר שיקן נישט קיין טעכניקער פאר איין מענטש. נאר ווען עס זענען דא עטליכע קאלס פון

המשך השגחה עליונה

איז דיין בטחון אינעם באשעפער?! נאר דער באשעפער אליין שיקט אונז אלעס וואס מיר דארפן, און ווען ער וויל וועט אונז גארנישט פעלן!”

זיין ווייב איז אהיים געשטארקט, ווארטנדיג אויף א נס.

עטליכע טעג זענען אריבער. די פרוי שטייט אין געשעפט, ווען פלוצלינג באווייזט זיך א גוי - א שליח פונעם הערשער.

”מיין האר וויל אנטאן זיין גאנצע משפחה, מיט רויטע קליידער געמאכט פון די סאמע טייערסטע שטאף!”

שנעל האט מען ארויסגעברענגט די אלע רויטע שטאף וואס מ׳האט געברענגט פון לייפציג, ביזן לעצטן שטיקל. דער שליח האט אלעס אפגעקויפט, ארויפגעלייגט אויפן וואגן, און אראפגעלייגט א בערזל מיט א ריזיגע סכום געלט: א סכום וואס האט געקלעקט פאר פרנסה פאר א גאנץ יאר מיט רחבות.

דעם זעלבן געגנט קומט א טעכניקער גלייך."

"דאס איז דאך נישט לאגיש," האב איך זיך גערעגט, "איר דארפט נעמען אחריות אויף דעם מצב! דער טעכניקער פון אייער קאמפאני האט אפגעהאקט מיין גאז, און עס איז אייער פליכט עס צוריקצושטעלן."

לאגיק, קוקט אויס, רעדט נאר צו מענטשן וואס טראכטן, אבער דא האט מיר געענטפערט א סעקרעטאר וואס האט גראדע נישט געטראכט... ער האט געזאגט ווי א ריקארדינג: "איך האב געעפנט א פארלאנג, א גוטן טאג," און אראפגעלייגט דעם טעלעפאן.

איך בין געבליבן שטיין מיטן טעלעפאן אין די האנט, שאקירט פונעם באנעמונג. וויאזוי פונקטליך וועל איך האבן א ווארעמע מאלצייט פאר מיטאג?! וואס וועלן מיינע טייערע קינדער עסן ווען זיי קומען אהיים פון חדר?! און וויאזוי וועט מען פרעגלען אייער-שפייז ביינאכט?!

וואס האב איך שוין געבעטן?! א ווארעם מאלצייט! וויאזוי קען זיין אז מענטשן מאכן טעותים און שטייען נישט אונטער דעם?! וואו איז א מינימאלע מאס אחריות?! וואספארא סערוויס גיבט די קאמפאני, און וואספארא אומ-אחריות...

די כעס האט געברענט אין מיר. אין מיין מח האב איך שוין געשריבן א גאנצע קלאגע אויף דריי ווערטיפס קעגן די גאז קאמפאני. ווען מ'וואלט געקענט אנצינדן דעם אויוון מיט די פייער פון כעס, וואלט שוין לאנג געווען א גרויסע פלאם...

אבער כעס האט מיר גארנישט געהאלפן, און נאך עטליכע מינוט פון ביטערניש האב איך זיך דערמאנט ווער עס פירט די וועלט. איך האב זיך אליין מוסר געזאגט פארן לייגן די גאנצע אחריות אויף די גאז קאמפאני. האט דען דער טעכניקער אפגעהאקט מיין גאז אן דעם וואס עס זאל זיין דעם אויבערשטנ'ס ווילן?! עס איז קלאר אז ער איז בלויז א שליח, און דער הייליגער באשעפער האט זייערע חשבונות פארוואס עס איז גוט פאר אונז יעצט אז דער אויוון ארבעט נישט. און... נאך אלעמען, עס איז נישט עק וועלט. וואס האט מיין עלטער-זיידע געטון ווען ער האט נישט געהאט קיין אויוון? נו, היינט וועלן מיר עסן קאלטע עסן וואס מען דארף נישט קיין אנווארעמען, און היינט נאכט וועלן מיר מוותר זיין אויף די אייער-שפייז און דאנקען דעם באשעפער וואס זארגט שטענדיג פאר אונז, און ער האלט צוריק די גאז נאר ווייל עס איז גוט פאר אונז, און מיר וועלן האפן אז ער וועט עס ווייטער צושטעלן מיט זיין גוטסקייט אין די ריכטיגע מינוט...

איך האב זיך פארטיפט אין די דאזיגע פאזיטיווע מחשבות. מיין פולס האט זיך באַרואיגט, די כעס איז פארשוואונדן, און נאך פינף מינוט פון פאזיטיוו טראכטן האב איך באקומען א טעלעפאן קאל. פון וועמען? פון די גאז קאמפאני.

"מיר אנטשולדיגן זיך פארן פראבלעם," זאגט דער סעקרעטאר דאס מאל, "א טעכניקער וועט זיין ביי אייך אין פינף (!) מינוט."

וויאזוי איז פון "מארגן" געווארן "פינף מינוט?" דאס איז געווען העכער מיין פארשטאנד. דאס קען נאר מיינען אז דער באשעפער האט מיר געשיקט א נסיון צו זען וויאזוי איך וועל רעאגירן צום פראבלעם, און ווען איך האב, ברוך השם, זוכה געווען צו ריכטיגע מחשבות, איז די ישועה אויך אנגעקומען בהשגחה פרטית.

<<<

## ⨯ הרה"ח ר' דוד קלצקין שליט"א ⨯

## צווישן די געבענטשטע

דער בעל חובות הלבבות ברענגט דעם פסוק אין ירמיהו (י"ז, ה'), און שעלט דעם מענטש וואס פארלאזט זיך אויף א מענטש. די ווערטער הערן זיך זייער שארף, אבער רבי אברהם בן הרמב"ם אין זיין ספר 'המספיק לעובדי השם' איז מסביר, אז ווען נישט די ווערטער 'ומה' יסור לבו' (זיין הארץ קערט ער אפ פון רבונו של עולם), וואלט כמעט די גאנצע וועלט אריינגעפאלן אין דעם פלאנטער פון אריינגיין אין די קאטעגאריע פון זיך פארלאזן אויף מענטשן. נאך אלעמען, אזוי פארט די וועלט אז א קינד פארלאזט זיך אויף די עלטערן, און א פרוי אויף'ן מאן; דעריבער מוז מען זאגן אז די קללה מיינט נאר איינעם וואס לייגט זיין גאנצע האפענונג 'בלויז' אויפן בשר ודם און 'קערט אינגאנצן אוועק' זיין הארץ פונעם רבונו של עולם, און ס'מיינט נישט די וואס גלייבן אינעם באשעפער אבער נוצן אנדערע מענטשן אלס הילף.

דערפאר, זאלסטו נישט מורא האבן, און דיין גייסט זאל נישט זיין געפאלן ביי דיר צוליב דעם וואס דו פארלאזט זיך אמאל אויך אויף א מענטש. דו ביסט נישט אריינגערעכנט אין די קללה פון ירמיהו הנביא. דער נביא רעדט פון א מענטש וואס איז שוין אראפגעפאלן צו די נידריגסטע מדרגה, און ער פילט בכלל נישט אז ס'איז דא א אויסזיכט אז השי"ת זאל אים העלפן; ער נעמט אינגאנצן ארויס דעם באשעפער פון זיין הארץ, און ער וויל חלילה נישט הערן פון זיין עקזיסטענץ; א מענטש וואס איז נישט מודה אז הקדוש ברוך הוא איז דער כל יכול - אט דער איז דער פארשאלטענער וואס פארלאזט זיך אויף א מענטש.

אבער א מענטש וואס איז געבוירן געווארן אין א גוטע שטוב, באקומען א גוטע חינוך, און ער נוצט נארמאלע וועגן צו זוכן הילף ביי מענטשן; ער גלייבט אין הארץ און ווייסט און פילט אז אלע העלפערס און שטיצערס זענען בלויז שלוחים פונעם באשעפער צו אים; א גאנצן טאג דערמאנט ער דעם באשעפער'ס נאמען זאגנדיג 'ברוך השם', 'חסדי השם' -ער איז יא אריינגערעכנט אינעם פסוק פון 'ברוך הגבר'. ער דארף נישט ווערן געבענטשט, ווייל ער איז שוין געבענטשט פון זיך אליין.

וואס מער א מענטש שטארקט זיין בטחון, אלס מער שפע פון ברכה איז ער ממשיך אויף זיך און אויפן וועלט. פארשטייט זיך, יעדער לויט זיין מדרגה.

מיר ווייסן אז מדה טובה איז פינף הונדערט מאל מער פון דאס פארקערטע. פון דעם וואס דער באשעפער נעמט אוועק זיין השגחה פון איינעם וואס פארלאזט זיך נאר אויף א מענטש, קען מען לערנען אז וואס מער מען שטארקט זיך; וואס מער מען לייגט צו אביסל מער אמונה און נאך אביסל בטחון אינעם באשעפער; וואס מער מען קריכט אין אין זיך דעם געפיל אז השי"ת האט אונז באשאפן יש מאין און ער טוט נאר גוטס מיט אונז יעדע מינוט - איז דער רווח פינף הונדערט מאל גרעסער...

<<<

## אזא חתן זאל זיך נישט דרייען איבער די גאסן

א שכן מיינער האט מיר געטון א טובה און מיר געגעבן א היטש (טרעמפ) אין זיין קאר.

"וויאזוי גרייט מען זיך צום חתונה פון דיין טאכטער?" האב איך אים געפרעגט, נישט סתם פאר העפליכקייט, נאר ווייל איך אליין האב אויך, ברוך השם, נארוואס געשלאסן א שידוך פאר מיין טאכטער, און עס האט מיר געשווינדלט צו טראכטן פון די ריזיגע סכומים וואס איך גיי דארפן שאפן.

"מ'גרייט זיך, ברוך השם."

"דיין מחותן איז דאך א חוץ לארץ'דיגער, נישט אזוי? ער איז מסתמא א ביסל מער פארמעגליך", האב איך אויסגעדריקט מיין מיינונג איבער זיין שידוך.

"א חוץ לארץ'דיגער אין אקצענט, נישט אין געלט," האט מיין שכן געשמייכלט, און מיר דערציילט וויאזוי זיין מחותן גרייט זיך צו די חתונה':

"איך האב געפרעגט מיין מחותן וויפיל ער קען זיך אונטערנעמען, און ער זאגט מיר: 'איך האב נישט קיין אנונג.'

האב איך אים געזאגט: 'איך האב יא אן אנונג. פאר קיין אמעריקע, און וואס דו וועסט דארט מצליח זיין צו שאפן - דאס וועל איך אננעמען. איך וועל נישט בעטן מער פון דעם.'

עס איז געווען א לאגיק אין מיין בקשה, ווייל ער קומט דאך פון דארט. ער קען די שפראך, כאטש נישט פיל מער פון דעם. איך האב אים געזאגט אז איך וועל מסדר זיין די וויזע קיין אמעריקע. אבער זאכן זענען נישט געגאנגען גלאטיג; עס האט גענומען צייט צו שאפן די וויזע, האב איך פארגעשלאגן פאר מיין מחותן ער זאל פארן קיין טאראנטא, קאנאדע. וואס דארט דארף מען נישט קיין וויזע."

מען האט געפלאנט אז דער מחותן זאל פארן אינאיינעם מיט זיין זון, אונזער טייערער חתן. דער חתן איז אבער שוין ארויסגעפארן פריער. ער האט אפגעשטאט א באזוך אין אייראפע, זיך אויסגעבעטן ביי די קברי צדיקים אין פוילן און אוקריינע, וואו ער האט זיך אויסגעבעטן מיט גרויס כוונה פאר די חתונה. נאכדעם איז ער נאכאמאל ארויף אויפן פליגער און געלאנדעט אין טאראנטא צוויי טעג פאר זיין טאטע.

וואס האט דער חתן געטון אין די צוויי טעג וואס ער האט געווארט? ער איז אריין אין בית המדרש און געלערנט פלייסיג, פונקט ווי אין ישיבה.

ווען זיין טאטע, דער מחותן, איז אנגעקומען, האט ער מיטגעברענגט א ליסטע מיט אדרעסן, און זיי האבן אנגעהויבן ארומגיין. די ערשטע זענען זיי געגאנגען צו א געוויסן גביר אין שטוב, און אינאיינעם אנגעקלאפט אין טיר. דער גביר האט זיי אויפגענומען זייער שיין, און ווען ער האט באמערקט דעם יונגערמאן - האט ער גלייך געפרעגט: "ביסטו דער חתן?"

"יא."

"איך האב דיך געזען זיצן אין בית המדרש און לערנען. עס פאסט נישט פאר א חשוב'ן חתן ווי דיר ארומצוגיין נאך געלט. דו דארפסט זיצן און לערנען."

דער חתן מיט זיין טאטע האבן זיך אנגעקוקט איינער דעם צווייטן און נישט פארשטאנען וואס דער גביר מיינט. וואס זאלן זיי טון, אויב זיי וועלן נישט פרובירן כאטש אפאר טעג צו שאפן געלט פאר די חתונה?! דער גביר האט ווייטער מסביר געווען זיין כוונה, און דאס מאל זיך געווענדן צום טאטן: "וויפיל געלט דארפסטו פאר די הוצאות החתונה?"

"צוואנציג טויזנט דאלאר," האט דער טאטע געענטפערט.

"זייער גוט. איך לייג יעצט אריין צוואנציג טויזנט דאלאר אין דיין אקאונט, און איך קויף דיר א טיקעט צוריק קיין ארץ ישראל, און דו פארסט אהיים."

טאטע און זון זענען געווען שאקירט פונעם גביר'ס רעאקציע. זיי האבן זיך נישט געקענט פארשטעלן אז זיי גייען אזוי שנעל און גרינג פעטיג ווערן. זיי האבן איינגעפאקט די ביסל זאכן וואס זיי האבן קוים געהאט צייט אויסצופאקן, און זיך ארויסגעלאזט צום לופטפעלד צו אפפליען קיין ארץ ישראל. דאס געלט איז אנגעקומען אין אקאונט פונקט ווי דער גביר האט צוגעזאגט.

"און אזוי קומט אויס" האט מיין שכן אויסגעפירט, "אז איך, וואס איך האב נאך עפעס געלט, האב נאך אלץ נישט דאס גאנצע געלט, אבער דער מחותן, וואס האט גארנישט געהאט - האט אלעס, און ער האט שוין באצאלט אלע חתונה הוצאות!"

מיין שכן האט געענדיגט זיין מעשה און געזאגט: "אבער איך בין נישט באזארגט. דער באשעפער האט געגעבן צו געבן אויך פאר מיר אלעס וואס איך דארף, און אויך פאר דיר..."

## דער גורל פון די ספרים

**הרב שלמה וו. פון אשדוד דערציילט:**

איך בין אראפ פונעם באס ביי א פארשטופטע סטאפ, ערגעץ אינמיטן וועג, ביי א פארווארפענעם אינטערסעקשאן צווישן די הייוועיס. דער געגנט איז געווענליך ליידיג פון מענטשן. ווען איך דארף מאכן די נסיעה פאר מיין ארבעט, שטיי איך דארט אליין אוןווארט אויף א צווייטן באס וואס זאל מיך פירן צו מיין ציל. נישט איין מאל וואונדער איך זיך ווער נאך עס נוצט דעם דאזיגן סטאפ...

דאס מאל בין איך געשטאנען ביים סטאפ און באמערקט אז איך בין נישט אליין: עס איז אויך דארט געווען א פרעמדער ארבעטער, א טיילאנדער. נעבן אים איז געלעגן א גרויסער מיסט-זעקל, פול מיט פאפירן און קונטרסים וואס דארפן גיין אין שמות (גניזה). איך בין געווען איבערראשט, וויאזוי קומט אזא זאך אהער? איך האב אבער פארשטאנען אז מען מוז עס נעמען פון דא, פאר עמיצער ווארפט עס חלילה אריין אין מיסט.

דער זאק איז געווען זייער שווער, און איך האב געזען אז איך האב נישט קיין כוח עס ארויפצולייגן אויפן באס. איך האב מתפלל געווען צום באשעפער אז למען כבוד שמו

זאל ער זען אז דער זאק זאל אנקומען צו זיין ריכטיגן ארט.

וואס עס האט פאסירט נאכדעם איז געווען איבערראשנד:

דער טיילאנדער וואס האט געווארט מיט מיר האט פרובירט מיר צו מסביר זיין מיט די הענט אז ער איז אראפ דא בטעות און ער ווייסט נישט וויאזוי אנצוקומען וואו ער דארף. איך האב זיך געמוטשעט אים צו פארשטיין ביז איך האב געכאפט אז ער דארף פונקט דעם באס אויף וואס איך ווארט - א באס וואס פארט צו איינע פון די היימישע ישובים אין ארץ ישראל.

ווען דער באס איז אנגעקומען, האב איך געוויזן פארן טיילאנדער אז ער זאל ארויפגיין, און אין יענע רגע האט פאסירט די דראמא: דער גוי, וואס האט נישט געקענט די שפראך, איז ארויף נאך מיר, און אן עלטערער איד צווישן די פאסאזשירן האט אים געוויזן אויפן גרויסן זאק ביים סטאפ. "דו האסט פארגעסן דעם זאק," האט דער אלטער איד אים 'דערמאנט'.

דער טיילאנדער האט אבער נישט פארשטאנען וואס דער איד זאגט. אויב ער וואלט פארשטאנען, וואלט ער געזאגט אז ער האט גארנישט פארגעסן און דער זאק באלאנגט נישט צו אים. ער האט אבער פארשטאנען אז ער דארף ברענגען דעם זאק אויפן באס. ער איז נאכאמאל אראפגעגאנגען, און איך האב געקענט זען ווי ער מוטשעט זיך אויפצוהייבן דעם שווערן זאק.

ער האט ארויפגעברענגט דעם זאק אויפן באס און געוויזן מיט די הענט, פרעגנדיג וואו ער זאל עס לייגן.

דער עלטערער איד האט ווייטער אנגעפירט מיט די 'שמועס' און געזאגט: "דו קענסט זיצן דא," ווייזנדיג אויפן באנק הינטער אים.

דער טיילאנדער האט פארשטאנען אז דער איד וויל ער זאל לייגן דעם זאק אויף דעם זיץ, און אזוי האט ער געטון.

דעמאלט זענען מיר שוין געווען אויף א באס פול מיט היימישע אידן. זיי וועלן זיכער פארשטיין אז אזא זאק וואפט מען נישט אין מיסט, נאר מען לייגט עס מיט רעספעקט אין גניזה.

ווי רירנד איז צו זען די יד ה', ווי ער היט אויף די כתבי קודש.

האט איר זוכה געווען צו זען א מעשה פון השגחה פרטית?
**רופט אריין צו קו השגחה פרטית: 1-518-613-0140 דריקט 3 און דערנאך 0**
**אדער שיקט אן אימעיל צו די מערכת hashgachaprutis@gmail.com**

## בסוד ישרים ועדה

**בריוון צו די מערכת**

**צו די חשוב'ע מפיצים, די מזכי הרבים אין די הייליגע מצוה פון בטחון והמסתעף, דורך דעם הערליכן גליון "השגחה פרטית", שלום וברכה וכל טוב סלה.**

א גרויסן יישר כח פאר די געוואלדיגע חיזוק וואס מיר באקומען פונעם גליון. די שיעורים זענען מורא'דיג, און ס'איז נישטא קיין גרעסערע זאך ווי צו מחזק זיין צובראכענע הערצער און זיי אויפבויען און דערהייבן מיט זאפאסן פון אמונה וביטחון.

אבער, כשגגה היוצא מלפני השליט, האב איך באמערקט עפעס אינעם גליון "השגחה פרטית" וואס דארף א דרינגענדע תיקון.

אינעם גליון פון פרשת קרח, אויפן לעצטן עמוד, איז געווען געשריבן וועגן א מגיד שיעור וואס נאך שחרית גייט ער "עוסק זיין אין פרנסה" אין די ראמען פון זיין פאסטן אלס מגיד שיעור און מחנך וכדומה. דאס איז ממש שוידערליך, צו רופן די הייליגע מצוה פון הרבצת התורה אלס א השתדלות צו ברענגען פרנסה, פונקט ווי קיינער וואלט נישט געזאגט אויף א איד וואס גייט לערנען אין כולל אז ער גייט "ברענגען פרנסה". נאך מער, לויט די הלכה איז דאך פארהאן אן איסור צו נעמען געלט פאר דעם, ווי עס שטייט אין מסכת נדרים "מה אני בחנם אף אתם בחנם", און אזוי ווערט געפסק'ט אין שולחן ערוך יורה דעה סימן רמ"ה סעיף ה', עיין שם.

מען טאר עס זיכער נישט רופן "עוסק זיין אין פרנסה", נאר ענדערש באצייכענען אז דאס זענען אידן וואס האבן די זכיה צו מקיים זיין די מצוה פון "ולמדתם", אזוי ווי מיר בעטן יעדן טאג ביים דאווענען: "ללמוד וללמד".

השי"ת זאל אונז היטן פון מכשולים. און איר זאלט ווייטער מצליח זיין מזכה צו זיין דעם רבים ביתר שאת.

***ישראל אייזנבלאט, ירושלים.***

**האט איר הערות והארות? שיקט אן אימעיל צו דער מערכת.**

## אַ גֶעהֵיימֶע אוּרְזַאךְ

**שִׁמְעוֹן נָטֶע לֵוִי פוּן בְּנֵי בְּרַק דֶערְצֵיילְט:**

אִיךְ בִּין גֶעוֶוען זֵייעֶר אִיבֶּערַאשְׁט. אַ קְלֵיינִיגְקֵייט? דִי וָואךְ זֶענֶען מִיר גֶעלַאדְנְט צוּ מַיין זֵיידֶע וָואס וואוֹינְט אִין יְרוּשָׁלַיִם!



דִי צוּגְרֵייטוּנְגֶען צוּם אַרוֹיסְפָארְן זֶענֶען גֶעוֶוען פִיבֶּערְהַאפְטִיג. אִיךְ הָאבּ אַרוֹיסְגֶעהָאלְפְן אוּן גְלַייכְצַייטִיג אִינְזִין גֶעהַאט עֶפֶּעס זֵייעֶר וִויכְטִיג; אַ סֵפֶר צוּ לֶערְנֶען אוֹיפְן וֶועג. נִישְׁט אַ שָׁאד צוּ זִיצְן אוֹיפְן בָּאס אוּן נִישְׁט אוֹיסְנִיצְן דִי צַייט?

דִי וֶועג אִיז אַרִיבֶּער זֵייעֶר אַנְגֶענֶעם, וֶוען אִיךְ לֶערְן אוּן הָאבּ אוֹיךְ הֲנָאָה פוּן דִי שֵׁיינֶע פַּאנָארַאמֶע.

עֶנְדֶע זֶענֶען מִיר אַרַיינְגֶעפָארְן אִין יְרוּשָׁלַיִם. דֶער בָּאס הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט בַּיי דִי סְטַאנְצְיֶע אוּן אִיךְ הָאבּ פְלַייסִיג גֶעהָאלְפְן מַיין טַאטֶע צַאמְקְלַייבְּן אוּנְזֶערֶע זֶעקְלֶעךְ אוּן אַרָאפְּשְׁטַייגְן.

אִיךְ שְׁטֵיי אוּנְטְן פוּן בָּאס, דֶער בָּאס פַארְמַאכְט דִי טִירְן אוּן לָאזְט זִיךְ אַרוֹיס פוּן דִי סְטַאנְצְיֶע.

אוּן פְּלוּצְלוּנְג כַאפּ אִיךְ זִיךְ. מַיין סֵפֶר! אוֹי!

אָבֶּער דֶער בָּאס דְרֵייט שׁוֹין דִי רֶעדֶער---

אִין דִי מִינוּט הָאט עֶפֶּעס פַּאסִירְט. דֶער בָּאס הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט, דֶער שָׁאפֶער הָאט גֶעעֶפְנְט דִי טִיר אוּן אַרָאפּ עֶפֶּעס פַארֶערְכְטְן. מַיין טַאטֶע הָאט אַרַיינְגֶעכַאפְּט דִי מִינוּט אוּן שְׁנֶעל אַרוֹיפְגֶעלָאפְן אוּן אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט דֶעם סֵפֶר.

דִי אוּרְזַאךְ וָואס אוּן פַארְוָואס דֶער שָׁאפֶער אִיז אַרָאפּ נָאכְן אָנְפַאנְגֶען אַרוֹיסְצוּפָארְן וֵייס אִיךְ נִישְׁט. אִיךְ וֵייס אָבֶּער יָא אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט עֶס צוּגֶעשִׁיקְט פוּנְקְט פַאר מִיר. מִיט אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית!

## אַ דָאפְּלְטֶער גֶעשַׁאנְק

**שְׂרוּלִיק נַיימַאן פוּן בֵּית שֶׁמֶשׁ הָאט אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית צוּ דֶערְצֵיילְן:**

לְכָבוֹד פֶּסַח הָאט מַיין זֵיידֶע מִיר גֶעגֶעבְן אַ טַייעֶרֶע גֶעשַׁאנְק! אַ סִידוּר, אוֹיסְגֶעקְרִיצְט אוֹיף דֶעם מַיין נָאמֶען: שְׂרוּלִיק נַיימַאן. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז אִיךְ הָאבּ עֶס זֵייעֶר גֶעלִיבְּט אוּן גֶענוּמֶען מִיט מִיר יֶעדְן טָאג צוּם דַאוֶוענֶען.

דִינְסְטִיג חוֹל הַמוֹעֵד, הָאבּ אִיךְ עֶס מִיטְגֶענוּמֶען צוּם דַאוֶוענֶען, אָבֶּער דֶערְנָאךְ הָאבּ אִיךְ פַארְגֶעסְן דֶערְפוּן. אִיךְ בִּין אַהֵיים אוּן אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעכַאפְּט אַז אִיךְ הָאבּ עֶס עֶרְגֶעצְוואוּ אִיבֶּערְגֶעלָאזְט!

עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַ קוּרְצֶע צַייט אוּן אַ שָׁכֵן קְלַאפְּט אִין טִיר מִיטְן סִידוּר אוּן פְרֶעגְט צוּ עֶס אִיז מַיינֶע.

"זִיכֶער" הָאבּ אִיךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט פַארְוואוּנְדֶערְט. "אָבֶּער וִוי קוּמְט עֶס אָן צוּ אַייךְ?"




דֶערְצֵיילְט דֶער שָׁכֵן: "גֶעוֶוענְלִיךְ דַאוְון אִיךְ אִין אַ צְוֵוייטֶע שׁוּל. פוּנְקְט הַיינְט הָאבּ אִיךְ גֶעדַאוְונְט בַּיי דִי שׁוּל וואוּ אַייךְ דַאוֶוענֶען אוּן גֶעטְרָאפְן דֶעם סִידוּר. אוּן וַוייל עֶס הָאט אַזַא שֵׁיינֶער אוֹיסְגֶעקְרִיצְטֶער נָאמֶען אוּן דִיר רוּפְט מֶען פוּנְקְט אַזוֹי, אִיז מִיר אַיינְגֶעפַאלְן אַז עֶס קֶען זַיין דַיינְס".

אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט אוּן אַרַיינְגֶעטְרַאכְט אִין דִי וואוּנְדֶערְלִיכֶע הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית. עֶס אִיז גֶעוֶוען דִינְסְטִיג, אוּן יֶעדְן דִינְסְטִיג נֶעמְט דֶער גוֹי פוּן שׁוּל צוּנוֹיף אַלֶע סְפָרִים וָואס גֶעהֶערְן נִישְׁט צוּם שׁוּל, לֵייגְט זֵיי אוֹיף אַ שֶׁעלְף אוּן פוּן דָארְט גֵייט עֶס צוּם גְנִיזָה. וֶוען נִישְׁט דֶעם שָׁכֵן פַאלְט אַיין פוּנְקְט אִין דֶעם טָאג צוּ דַאוֶוענֶען אִין אוּנְזֶער שׁוּל אוּן עֶר טְרֶעפְט עֶס, וָואלְט אִיךְ עֶס קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעטְרָאפְן! וַוייל אִיךְ הָאבּ נִיטְאַמָאל גֶעדֶענְקְט אַז אִיךְ הָאבּ עֶס פַארְגֶעסְן...

## אַ זַאק מִיט מִצְוֹות

**מֵאִיר כֹּהֵן פוּן בֵּית שֶׁמֶשׁ דֶערְצֵיילְט:**



אִין דִי וֶועלְט אִיז בַּאקַאנְט אַז יֶעדֶע פְּלֶעסְטִיק קֶען מֶען נוּצְן נָאכַאמָאל אוּן אַ שָׁאד צוּ פַארְאוּמְרֵיינִיגְן דִי לוּפְט מִיט אוּמְנוּצִיגֶע פְּלֶעסְטִיק בָּאטְלֶעךְ. דֶערִיבֶּער וֶוער עֶס בְּרֶענְגְט בָּאטְלֶעךְ צוּ רִיסֵייקְלֶען בַּאקוּמְט פַאר דֶעם אַ קְלֵיין אָפְּצָאל.

אוֹיךְ דָא אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז עֶס אַיינְגֶעפִירְט אוּן יֶעדֶער וָואס וִויל, קֶען בְּרֶענְגֶען זַיינֶע בָּאטְלֶעךְ צוּ אַ גְרָאסֶערִי אוּן בַּאקוּמֶען דֶעם אָפְּצָאל אוֹיפְן אָרְט.

אֵיין טָאג, אַהֵיימְגֵייעֶנְדִיג פוּן חֵדֶר, הָאבּ אִיךְ בַּאגֶעגְנְט מַיין קָאזִין זִיךְ שְׁלֶעפְּן מִיט אַ זַאק בָּאטְלֶעךְ. "וִוילְסְט קוּמֶען מִיט מִיר צוּם גְרָאסֶערִי אָפְּגֶעבְּן דִי בָּאטְלֶעךְ?" הָאט עֶר מִיר גֶעפְרֶעגְט. אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט, זִיכֶער! עֶס אִיז אַן אַטְרַאקְצְיֶע צוּ גֵיין צֵיילְן דִי בָּאטְלֶעךְ אוּן דֶערְנָאךְ אָפְּצֵיילְן דִי גֶעלְד. אָבֶּער אִיךְ הָאבּ גֶעוואוּסְט אַז מַיין מַאמֶע וַוארְט אוֹיף מַיין הִילְף.

אִינְדֶערְהֵיים הָאט מִיר מַיין מַאמֶע אָפְּגֶעוַוארְט מִיט.... אִיר שְׁטֶעלְט זִיךְ שׁוֹין פָאר מִיט וָואס? מִיט אַ פוּלֶע זֶעקְל בָּאטְלֶעךְ. "מֶען דַארְף עֶס גֵיין רִיסֵייקְלֶען" הָאט זִי מִיר גֶעזָאגְט, אוּן אִיךְ הָאבּ פַארְדוּנֶען אוֹיךְ דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד הוֹרִים אוּן אוֹיךְ דִי גֶעשְׁמַאק.

**טֵייעֶר קִינְד! הָאט אִיר אַ מַעֲשֶׂה פוּן הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית?**

**רוּפְט אַרַיין צוּ קַו הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית פַאר קִינְדֶער:**

**1-518-613-0140** דְרִיקְט 0/4 אוּן פַארְצֵייל דַיין מַעֲשֶׂה.
אוּן נֶעמְט אַ חֵלֶק צוּ פַארשְׁפְּרֵייטְן אֱמוּנָה אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט

**הודעות ווינקל**

טַייעֶרֶע קִינְדֶער!
גָאר אַסַאךְ שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת קֶען מֶען הֶערְן,
**אִין קַו הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית פַאר קִינְדֶער:**
**1-518-613-0140 דְרִיקְט 0/2**



# אַ שָׁלִיחַ פוּן הִימֶל

**פרק 3 פון 4**

פַאמִילְיֶע גַמְבָּשׁ זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן גֶעשְׁטְרַאנְדֶעט אַ לַאנְגֶע צַייט אִין זֵייעֶר קַאר בַּיים זַייט פוּן הַייְוֶועי. פוּן דִי אִינְשׁוּרֶענְס קָאמְפַּאנִי מֶעלְדֶעט מֶען זֵיי, אַז אַ שְׁלֶעפּ־טְרָאק אִיז אוֹיפְן וֶועג אַוֶועקצוּנֶעמֶען דִי קַאר.



**ארט פון פארשפרייטונג:** בארא פארק,

**וואו זענט איר עס מפיץ?**

איך וואוין אין א בילדינג מיט אכט משפחות, און איך געב עס צו כמעט אלע וואס וואוינען דא. (חוץ פון איינער וואס רעדט נישט אידיש אזוי שטארק), און די פאר וואס בלייבן איבער לייג איך אריין אין די שול אין מיין הויז.

**איר האט באקומען אמאל עפעס פידבעק פון איינער פון די ליינערס?**

נישט עפעס ספעציעל, אבער לויט ווי די שכנים געבן איבער, ווילן זיי עס, און זיי ליינען עס.

**האט איר אמאל געהאט עפעס א השגחה פרטית פארבינדן מיטן הפצה?**

נישט דווקא פארבינדן, אבער דאך, א מורא'דיגע מעשה.

איך האב געדארפט צו קויפן א דירה, און מיין זיידע האט מיר צוגעזאגט א דאון פעימענט. זיי זענען געווען גרייט צו באצאלן צוויי הונדערט טויזנט דאלאר, זיי האבן געשריבן אפילו א טשעק, אבער למעשה האט עס צוריקגעקומען. קודם האבן זיי געפלאנט צו עס געבן פון א אנדערע וועג, אבער איין טאג האבן זיי מיר אנגערופן, און געזאגט אז למעשה קענען זיי עס נישט טון. וואס איז? בקיצור, ס'איז די לעצטע, דאס איז וואס איז זיי איבערגעבליבן פון די געלט וואס זיי האבן געהאט אוועקגעלייגט, און זיי האבן געזען אז דאס איז די לעצטע, זיי קענען עס נישט אוועקגעבן.

ס'איז געווען א גרויסע פראבלעם, ווייל איך האב גענומען מיין שווער'ס אפגעשפארטע געלט - חוץ פון מיין אייגענע - ניינציג טויזנט דאלאר וואס איך האב אריינגעלייגט אין די דירה, געבויעט אויף דעם וואס מיין זיידע האט מיר צוגעזאגט, און איך האב עס אריינגעלייגט דארט. אויב גיי איך נישט אויספירן די מקח, גיי איך פארלירן מיין השקעה.

איך האב געפילט אז ס'איז ממש א שרעקליכע זאך, אויב גיי איך נישט אויספירן, וואס גייט געשען? האב איך דערלייגט מיין שווער ניינציג טויזנט דאלאר? ס'איז געווען זייער א שווערע מצב.

איך האב פרובירט אפילו, "אקעי, אפשר געב מיר כאטשיג פופציג טויזנט," ער האט נישט געקענט.

למעשה איז נתברר געווארן אז ער איז געוואויר געווארן דעמאלט פשוט אז ער האט באקומען יענע מעשה, און זיי זענען געווארן דערשראקן, אז זיי ווען דארפן האבן די געלט, האט ער גארנישט געוואלט ארויסגעבן.

אין די זעלבע תקופה, האב איך געהאט נאך א צרה. איך בין אריינגעפאלן מיט א לענדלארד א קרימענאל, וואס - נישט קיין חילוק די פרטים, אבער דעת תורה האט מיר אנגעוויזן צו אויפהערן צאלן רענט, און עס האט אזוי אנגעהאלטן פאר צען חדשים. ווי פארשטענדליך, האט ער מיר גערופן אין געריכט.

מען האט מיר געזאגט דעמאלטס אז מער ווייניגער איז נישטא וואס צו טון, אבער די בעסטע זאך וואס דו קענסט טון, צו נעמען פון די שטאט, וואס זיי שטעלן צו אדוואקאטן פאר מענטשן וואס האבן נישט געלט. האב איך געגאנגען צו זיי, און זיי האבן מיר געזאגט אז מ'האט נישט וואס צו טון, אבער די גוטע נייעס איז אז ס'איז דא א פראגראם וואס דו קענסט ארויפגיין, אביסל אזויווי סעקשאן אכט, צו באקומען געלט פאר דירה. האב איך געהאט פון דארט זעקס יאר וואס זיי האבן באצאלט כמעט די גאנצע מארטגעדזש.

נאך בערך, א יאר א האלב, די זיידע איז שוין אוועק, און די באבע האט פארקויפט אירע הויז, האט זי האט געהאט יעצט מער געלט, און זי האט געפילט שלעכט. האט זי אויסגעצאלט א הונדערט טויזנט דאלער מער, אפגעצאלט אלע חובות, און די גאנצע זאך האט זיך אויסגעשטעלט אלס א ריזיגע ברכה!

ווען איך בין געווען אין יענע הויז, ווען איך האב געוואוינט ביי יענע לענדלארד, האט עס אויסגעזען ווי די ערגסטע זאך, אריינגעפאלן אין אזא צרה, אזא שוועריקייט. און נאכדעם, צו דעם, אין די זעלבע צייט, האט אראפגעפאלן אויפ'ן קאפ די גאנצע זאך מיט די נייע דירה, פון די געלט. ס'האט אויסגעזען ווי א געפערליכע בראך! אבער למעשה, דער אייבערשטער האט געפירט, ס'האט אלעס אויסגעקומען זייער שיין.

ווען איך האב געמאכט די קריאת המזוזה, האב איך דערציילט די מעשה, און איך האב ארויסגעברענגט פשוט אז ווי דער אייבערשטער האט געפירט אז ס'איז אויסגעקומען גוט פון די שלעכטס, 'מעז יצא מתוק'.

**עפעס א מעסעדזש וואס איר קענט איבערגעבן פאר אנדערע וואס טראכטן צו זיי זאלן יא אדער נישט פארשפרייטן די גליון?**

אז ס'איז נישט אזוי שווער. קודם האב איך אנגעהויבן צו פילן אביסל... איך האב עס אריינגעברענגט צו די שכנים, און ווען איך האב אנגעהויבן צו געבן פאר מענטשן, האב איך געפילט אביסל אומבאקוועם. איך ווייס נישט, איך האב אנגעהויבן מיט מיינע שכנים, און וואס וועלן זיי זאגן? זיי וועלן ליב האבן, נישט? וואס ווילסטו פון מיר?... אבער למעשה, דער עולם האט הנאה, דער עולם וויל עס זען, ס'איז נישט אזוי שווער ווי מ'מיינט!

יא איר קענט ווערן א משפיע!

מיט אייער השתתפות פון $36 א חודש פאר'ן גליון "השגחה פרטית" וואס פארשפרייט אמונה אויף אלע עקן וועלט.

↓

דער "משפיע" באקומט צו זיך אינדערהיים 10 השגחה-פרטית גליונות צו קענען פארשפרייטן אמונה צווישן אידן!

א באזונדערע שליח וועט בעז"ה ארויפגיין צום ציון פון בעל "חובות הלבבות" אין צפת, און מתפלל זיין פאר אייך.

רבי שלומקע'ה זוועהילער האט געזאגט: "אז מען טוט אין השגחה פרטית זעט מען השגחה פרטית"

רופט יעצט און הייבט אן משפיע זיין אמונה און בטחון פאר אידישע קינדער!

רופט: 585-308-3293